# צום פינטל

גליון לד
פרשת חקת-בלק תשפ"ג
משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### התורה חסה על ממונם של ישראל

#### ♦ את העדה ואת בעירם

שטייט אין די פרשה (במדבר פרק כ) די מעשה פון די בארה של מרים, דער אייבישטער זאגט פאר משה רבינו, נעם צוזאם כלל ישראל און רעד צום שטיין, און טרינק אהן די גאנצע געמיינדע און זייערע בהמות, 'והשקית את העדה ואת בעירם', און די פסוק פארציילט אז משה האט טאקע אזוי געטוהן וכו', ער האט געגעבן צו טרינקען פאר די געמיינדע און פאר די בהמות, 'ותשת העדה ובעירם'.

מ'שטייט אין א מצב ווי כלל ישראל איז דערשראקן, טרעפנדיג זיך אין א מדבר אהן קיין טראפן וואסער, איז ווי קומט עס אז מ'מאכט א עסק פון די 'בהמות', ווי קומט עס אז זייענדיג אזוי אויסגעדארשט, און די בהמות זענען א נושא. און די פסוק דריקט עס ארויס, דער אייבירשטער זאגט פאר משה בפרטיות וועגן די בהמות, און משה טוט אזוי למעשה, ער געט אכטונג במיוחד אויף די בהמות 'ותשת העדה ובעירם'.

באמת די יידען האבן זיך אויך מתלונן געווען אויף די בהמות זייערע, זיי האבן געזאגט (במדבר כ ד) 'למות שם אנחנו ובעירנו', 'להמית אותי ואת בני ואת מקני בצמא' (שמות יז ג). אבער דאס קען מען נאך פארשטיין, ווייל ווען מ'איז זיך מתלונן זוכט מען יעדער סארט 'תערומות' וואס מ'קען, אבער ביים אייבירשטן דארף מען פארשטיין, וואס איז פשט אז אין אזא מצב מאכט מען א עסק פון די בהמות (עי' קיצור מזרחי).

זאגט רש"י 'מכאן שחס הקב"ה על ממונם של ישראל', יא מ'מאכט א עסק פון די בהמות, מ'רעדט טאקע דא פון א מסוכן'דיגע מצב, אבער יידיש געלט איז זייער טייער, 'חס הקב"ה על ממונם של ישראל', און די מקור הדבר איז אין מדרש רבה (יט ט) און אין תנחומא (אות ט), אויך אין מנחות (עו ע"ב) זאגט די גמרא אז דא איז מרומז אז 'חס הקב"ה על ממונם של ישראל'.

#### ♦ התורה חסה

די גמרא לערנט פון דעם ארויס אויף די 'לחם הפנים', אז ביי אלע מנחות האט מען געקויפט 'קמח מן השוק', די לחם הפנים אבער האט געמוזט זיין פון וואס מ'מאכט היימיש אין בית המקדש, ווייל די לחם הפנים איז געווען א גרויסע שיעור, כ"ד עשרונים, און צו קויפן 'קמח מן השוק' איז אויסגעקומען אסאך געלט, איז 'מפני החיסחון' ווי די גמרא רופט עס, וועגן שוינען אויף יידיש געלט, האט מען עס אליינס געמאכט אין בית המקדש.

און די חידוש איז אז אפילו אין 'בית המקדש', א מקום פון עשירות, ווי די חז"ל זאגען כסדר אז אין די 'בית המקדש' גייט אהן די כלל פון 'אין עניות במקום עשירות', איז לכאורה אין אזא פלאץ מאכסטו א ברייטל פון א קלייניגקייט, געגאנגען, געב א קוועטש אראפ אפאר דאלער, זאג מיט א ברייטקייט דעם 'אין עניות במקום עשירות'. אבער ניין, 'התורה חסה על ממונם של ישראל', אונזער קאפ וואלט אפשר אזוי געזאגט, אבער די תורה מאכט יא א עסק.

די גמרא פארציילט אין מסכת חולין (דף ט ע"ב) אז ס'איז געווען א טריפה שאלה, מ'האט געטראפן א לאך אין א בהמה, אבער די לאך איז געווען פארשטאפט מיט 'חלב טמא', איז מען געקומען פרעגען די שאלה פון רבא, האט רבא געזאגט, איינס, חלב טמא איז אויך סותם, און צוויי, 'התורה חסה על ממונם של ישראל'. שטייענדיג פאר א הארבע טריפה שאלה, וואלט מען מיטן שכל זיך אפשר נישט אזוי גערעכנט מיט 'התורה חסה', אבער ניין, רבא האט יא געמאכט א עסק, 'התורה חסה על ממונם של ישראל' איז א הארבע זאך, מ'קען זיך נישט ווארפן מיט דעם.

**אסאך מאל זעהט מען אנדערשט, מ'זעהט אז מ'רעכענט זיך נישט מיט 'התורה חסה על ממונם של ישראל', מ'איז יא געגאנגען מיט א ברייטקייט, מ'איז ענדערשט געגאנגען מיט די יסוד אז 'אין עניות במקום עשירות'**

רש"י (דארט) זאגט אז די מקור איז פון תורת כהנים (מצורע פרשה ה יב) 'וצוה התורה ופנו את הבית', אויף וואס האט די תורה חושש געווען, אייזערנע כלים קען מען דאך טובל'ן, אלא מאי די תורה האט געשוינט אויף די כלי חרס וואס מ'קען נישט מטהר זיין, התורה חסה על ממונם של ישראל, און 'כל שכן על ממונם של צדיקים וכו''. מ'שטייט ביי א שווערע שאלה פון צוווארפן די הויז, און נאכאלץ דארף מען געדענקן פון 'התורה חסה על ממונם של ישראל' אפילו אויף די כלי חרס, ווייל אין וועלכע מצב נאר דארף דאס ליגען פאר די אויגען 'התורה חסה על ממונם של ישראל'.

אין מסכת ראש השנה (כו ע"ב) זאגט די גמרא אז די שופר פון ראש השנה איז געווען 'פיו מצופה זהב', און די שופר בתעניות איז געווען 'פיו מצופה כסף', פרעגט די גמרא פארוואס האט מען נישט געמאכט בתעניות אויך 'פיו מצופה זהב', זאגט די גמרא 'התורה חסה על ממונם של ישראל'. אויך אין יומא זאגט די גמרא אז די 'קלפי' (די באקס אין וואס מ'האט געמאכט די גורלות) איז געווען פון האלץ, פרעגט די גמרא זאל מען עס מאכן פון זהב, און די גמרא ענטפערט אז 'התורה חסה על ממונם של ישראל', זעהט מען ווייטער כאטש מ'שטייט אין בית המקדש א מקום פון עשירות, דאך דארף מען חס זיין 'על ממונם של ישראל'.

#### ♦ אין עניות במקום עשירות

און באמת אסאך מאל זעהט מען אנדערשט, מ'זעהט אז מ'רעכענט זיך נישט מיט 'התורה חסה על ממונם של ישראל', מ'איז יא געגאנגען מיט א ברייטקייט, מ'איז ענדערשט געגאנגען מיט די יסוד אז 'אין

המשך בעמוד הבא

עניות במקום עשירות׳, ווי למשל דארט אין ראש השנה זעהט מען אז ר״ה אליינס איז יא געווען ׳פיו מצופה זהב׳. און אסאך מאל קריגט מען זיך, צו מ׳אל ענדערשט גיין מיט די כלל פון ׳אין עניות במקום עשירות׳, אדער ענדערשט גיין מיט די כלל פון ׳התורה חסה על ממונם של ישראל׳, ווי מ׳זעהט אין מנחות דף (פט) און אין מכסת תמיד (כט ע״א) ווי מ׳קריגט זיך צו מ׳זאל ענדערשט גיין מיט דעם, אדער מיט דעם.

די מפרשים שטעלן זיך שוין אויף דעם, און דאס איז די לשון פונעם חיד״א (עין זוכר מערכת ה כא) ״די תורה איז חס על ממונם של ישראל, אבער צומאל זאגט מען ׳אין עניות במקום עשירות׳, זאגט דער יד מלאכי בשם מהר״ם בן חביב (יום תרועה דף כז מסכת ראש השנה) אז צומאל גייט מען מיט די כלל, און צומאל פארקערט, ס׳איז תלוי בשיקול הדעת פון די חז״ל ווי אזוי צו צו גיין צו יעדער ענין. און אין מנחות (דף פט) קריגט מען זיך אין דעם, די מחלוקת איז צו מ׳זאל ציען מער אהין, אדער מ׳זאל ציען מער אהער.

אויך דער תפארת ישראל (תמיד פרק ה משנה אות כז ביכין) זאגט דעם יסוד, ער רעדט פון די מחתה פאר די קטורת, די גמרא זאגט אז מ׳האט נישט געשארט די קוילן אין א גאלדענע מחתה, ווייל ׳התורה חסה על ממונם של ישראל׳, פרעגט ער אז די גמרא זאגט דאך אז די בגדי כהונה פלעגט מען קויפן נייע קליידער, מ׳פלעגט עס נישט אויסוואשן, ווייל ׳אין עניות במקום עשירות׳, איז פאר וואס דא זאגט מען אזוי, און דא אזוי.

זאגט ער אז ס׳געפעלט אים צו זאגען אז אלעס איז געווען לפי הצורך והענין, פון איין זייט איז דא די סברא פון ׳התורה חסה׳, און פון די אנדערע זייט פארקערט ׳אין עניות׳, און מ׳דארף עס כסדר מעסטן ווי אזוי זיך אומצוגיין. (און ער פירט אויס אז מהאי טעמא האט מען יום כיפור יא מתיר געווען צו שארן אין די גאלדענע מחתה. און ער זאגט אז מיט דעם ווערט פארענטפערט פילע סוגיות, צומאל זאגט מען אזוי און צומאל פארקערט, ווייל אלס איז לפי הענין).

אין חסידישע ספרים טרעפט מען נאך א אינטערסאנטע נקודה, אז ס׳ווענט זיך לפי די ׳זמן׳, געוויסע זמנים וואס מ׳גייט מער מיט ׳התורה חסה׳, למשל א זמן פון א תענית וואס ס׳איז א זמן פון ׳צמצום׳, דארט וועט מען ענדערשט גיין מיט ׳התורה חסה׳, און אין א זמן וואס ס׳איז דא שפע און חסדים, וועט מען ענדערשט גיין מיט ׳אין עניות במקום עשירות׳, ווי ס׳איז מבואר דעם יסוד בשם דער הייליגער קאצקער (אמת ואמונה עמוד עא, און אביסל קלארער ווערט עס געברענגט פון דער איזשביצער - מי השילוח מסכת ראש דף כז).

דאס הייסט אז ווען ס׳קומט ארויף די שאלה פאר די חכמי הדורות, צו מ׳זאל גיין מיט התורה חסה, אדער מיט ׳אין עניות וכו׳, איז איינער פון די פילע חשבונות וועט אויך זיין, אז ס׳ווענט זיך אין וועלכע מצב כלל ישראל געפונט זיך, איז כלל ישראל אין א צמצום, אדער איז א זמן פון התפשטות, ס׳ווענט זיך אין אין וועלכע עקנאמישע מצב כלל ישראל איז. (און לפי זה היינטיגע צייטן וואס ס׳איז ברוך השם דא א שפע, יידישע קינדער האבן ברוך השם געלט, וועט מען לכאורה מער בייגען די זאך צו ׳אין עניות במקום עשירות׳).

ס׳איז דא די בקאנטע סוגיא פון ׳לוו עלי ואני פורע׳, און ׳עשה שבתך חול׳, אז לכאורה איז דא א סתירה צווישן די צוויי, צו זאל מען גיין ברייט און בארגען לכבוד שבת, אדער זאל מען זיך מצמצם זיין, איז תוספות (מסכת ביצה תחלת פרק יום טוב) שטעלט אוועק א שטארקע יסוד, אז ס׳ווענט זיך צו ס׳איז דא עפעס אויסזוכטן פון באצאלן, אויב איז דא עפעס אויסזוכטן, דאן קען מען גיין ברייט, מ׳קען בארגען און זיך פארלאזן אויפן אייבירשטן. אבער אויב איז נישט דא קיין אויסזוכטן דאן מוז מען זיך מצמצם זיין, ׳עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות׳.

זעהט מען ווי יעדער זאך דארף ווערן געמאסטן לפי הענין, מ׳קען נישט גיין ברייט אין די וועלט אריין, אויב ס׳איז דא א מקום חל צו זיין, דאן קען מען גיין מער ברייט, און צומאל דארף מען גיין ברייט, אבער אויב איז נישט דא קיין מקום חל צו זיין, דאן איז נישט דא קיינע ברירות, און מ׳מוז זיך מצמצם זיין ׳עשה שבתך חל ואל תצטרך לבריות.

## ◆ הנוגע למעשה

די גאנצע ענין איז נוגע צו די ברענעדיגע שאלה ביים חתונה מאכן. ביים חתונה מאכן די קינדער, איז פון איין זייט שרייט זיך ׳התורה חסה על ממונם של ישראל׳, אבער פון די אנדערע זייט איז דא אסאך ווערטער פון צדיקים אז ביי א חתונה גייט מען מיט א ברייטקייט, און אדרבא ווי מער מ׳גייט מיט א ברייטקייט, אלץ ברייטער קומט די שפע וכו׳.

די ריכטיגע הכרעה און דעם איז ווי געשמועסט, אז ס׳ווענט זיך צו ס׳איז דא פלאץ פאר די ברכה חל צו זיין, אויב איז דא אויסזוכטן פון באצאלן, קען מען אמאל ניצען דעם כלל פון ׳לוו עלי ואני פורע׳, אדער ׳אין עניות במקום עשירות׳, אריינקומען מיט א געשמאק און א ברייטקייט אין די וועלט פון שפע, גיסן געלט און חסדים, אז צומצומים זאלן זיך נישט דארט אריינפאסן, אדרבא מיט׳ן חשבונ׳ן איז מען נאר מצמצם די שפע, ענדערשט גיי ברייט, פאל נישט אריין אין קיין שמאלע ענגע פלעצער, גיי ארויס פון דינים וצמצומים.

אבער דאס איז אלץ נאר בתנאי, אז ס׳איז באמת דא פאר די ברכה ווי חל צו זיין, ווייל אויב נישט, איז בודאי נישט דא קיינע צוויי צדדים, און די פסק איז זיכער ׳עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות׳, דיין מצוה איז יעצט זיך יא מצמצם צו זיין, דיין עבודה איז יעצט יא אריינצוגיין אין דינים וצמצומים, אדרבא באלעיב עס מיט א געשמאק, אויס צו חשבונ׳ן יעדעס דאלער ס׳זאל זיין ריין נאר פאר די רצון השם.

באמת די גאנצע סוגיא איז אסאך מער נוגע פארן ציבור, ווי למשל די שאלה פון ׳התורה חסה׳ אדער ׳אין עניות׳ איז בעיקר נוגע פארן ציבור, צו זאל די ציבור שוינען אויפן געלט פונעם יחיד, אדער זאל מען גיין ברייט, פון איין זייט קומט דאך די געלט פון די יחידים, וואס אסאך זענען ארימע יידען, אבער פון די אנדערע זייט די ציבור זעלבסט זענען אלעמאל בגדר ׳עשירים׳, ווי די גמרא זאגט אסאך מאל ׳אין ציבור מעני׳, א ציבור איז א מצב פון עשירות, כל שכן די בית המקדש איז א מצב פון עשירות, איז אפשר דארף מען נישט קוקן אויף די יחידים.

ס׳איז באקאנט די צוויי צדדים ביים בויען א בת המדרש, בכללות אין די דורות זעהט מען ווי כלל ישראל האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער צו בויען שיינע בתי מדרשים, לפאר את בית אלקינו, און ווי די חז״ל זאגען שוין אז א בית מדרש דארף זיין די העכסטע און שענסטע פלאץ אין שטאט, אבער פון די אנדערע זייט איז דא א ירושלמי אז ס׳האט שטארק געבאדערט פאר איינער פון די אמוראים פארוואס מ׳האט געבויט א בית המדרש אזוי טייער, בעטנדיג אסאך געלט פון מענטשן.

איז ווי געשמועסט באלאנגט דאס צו אונזער נושא, די חכמי התורה שבכל דור ודור מעסטן אויס יעדעס מאל לפי המצב והענין, צו מ׳זאל ענדערשט גיין מיט ׳התורה חסה׳, אדער ענדערשט גיין מיט ׳אין עניות במקום עשירות׳, בפרט ביי א ענין ציבוריים, וואס א ציבור ווערט אסאך מאל אריינגעלייגט אין די גדר פון עשירים, ווי די חז״ל זאגען אז ׳אין הציבור מעני׳, איז דאס איז איינע פון די פילע זאכן וואס מ׳דארף נעמען אין באטראכט, צו מ׳זאל גיין מיט די כלל פון ׳אין עניות׳, און זיך נישט רעכענען מיט די יחידים.

### קשה יומא דמיטרא

גשמים 'רעגען', איז די ערגסטע זאך, און די בעסטע זאך, פון איין זייט אין דעם טאג טעגליכן געלויף איז עס מורא'דיג שווער, אבער פון די אנדערע זייט פארשטייט יעדער אז רעגען איז די חשוב'סטע זאך. אויך אין גמרא איז דא צוויי סוגיות, ס'איז דא אין מסכת תענית דף ח', און ס'איז דא א סוגיא אין מסכת תענית דף ז, און מסכת תענית דף ח' ברענגט די גמרא ארויס די שוועריגקייט פונעם רעגען, 'קשה יומי דמיטרא כיומא דדינא', א 'יומא דדינא' טוט זיך א בהלה, אזוי אויך א 'יומא דמיטרא' ווערט א בהלה, די טאג טעגליכע געלויף ווערט צושטערט.

אמאליגע צייטן האט עס געמיינט אז די עוברי דרכים זענען געווארן דורעך גענעצט, ווי מ'זעהט אין חז"ל אז די קליידער ווערן 'מוקצה' נאך א רעגען מחמת א גזירה פון 'שמא יסחוט', און איינמאל מ'האט אויסגעטוהן די קליידער טאר מען זיי מער נישט מטלטל זיין, אזוי נאס און באגאסן פלעגט מען ווערן פון די רעגען, און ווי ס'איז באקאנט די תפילות פון די עוברי דרכים, וואס מ'זעהט ווי שווער ס'איז זיי געווען.

אמאל איז די מאנטלעך נישט געווען אזוי אהער געשטעלט, מ'האט געקענט נעמען א 'יריעה פון עור' (וואס האט געדעקט עטוואס ווי די 'פלעסטיק מאנטלעך'), אדער א זאק וואס איז געמאכט פון נוצות פון 'עיזים' ווי א מאנטל, אויך טרעפט מען א מושג פון אנטוהן א באקס איבערן קאפ, א קופה ותיבה', וואס דאס דערמאנט עטוואס די היינטיגע שירעמעס (ווי ס'איז מבואר אין סימן ש"א הלכות הוצאה בשבת). על כל פנים צו לייכט איז עס נישט געווען, און נישט אומזינסט זאגען אונז די חז"ל אז 'קשה יומא דמיטרא כיומא דדינא'.

אויך איז שווער געווען אמאל מיט די דעכער פון די הייזער, ווי מ'זעהט אין חז"ל וועגען דעם, אויך איז דא אסאך אין חז"ל וועגען די זאכן אין חצר וואס פלעגען קאליע ווערן אין די רעגען, ווי למשל די איווענעס וואס פלעגען צולאסט ווערן אין חצר. אויך די בלאוטיגע וועגען איז געווען א גרויסע עסק, ווי מ'זעהט אין די פוסקים (סימן שא) אז מ'האט חושש געווען אויף 'שמא יסחוט' ווען מ'גליטשט זיך אויס אין די בלאטעס, אויף די פארפלייצונגען פון די טייכן און נחלים, אין די הייזער און אין די פעלדער, זענען באקאנטע ענינים אין חז"ל.

אבער אויך היינטיגע צייטן, מיט די אלע חסדים וואס די באשאפער געט אונז, איז די רעגען נאך אלץ נישט אזוי לייכט, אויך היינט קען מען נאך זאגען 'קשא יומא דמיטרא כיומא דדינא', למעשה איז רעגען א 'באלאגאן', מ'זוכט די שירעמעס, די קאוטס, מ'לויפט אריינטראגען די באקסעס, מ'מאכט שנעל אראפ די שלאק, מ'לויפט אריין אין ארויס פון די קארן, אלעס איז מיט א בהלה, אלעס ווערט נאס און אראפ געשלעפט.

א פלא'דיגע גמרא איז דא אין ב"מ (פה ע"א) אז ווען נישט די וועלט דארף האבן רעגען, וואלטן די רבנן געבעטן פונעם אייבערשטן מבטל צו זיין די רעגען, אויף אזוי ווייט גייט עס אז ממש מ'האלט עס נישט אויס, מ'וואלט געדארפט פאראורבעטן עס מבטל צו זיין. און אין מסכת תענית (דארטן) זאגט די גמרא אז ערב שבת איז די רעגען ממש א סימן קללה, ווייל ערב שבת ווען ס'איז מוראדיג וויכטיג צו גיין אין די גאסן, און פונקט יעצט רעגענט, ווייסט דאס נישט גוט, ענדליך צו סוכות ווען ס'רעגענט.

### גדול יום הגשמים

דאס איז אלץ מצד די קוק פונעם 'הוה', די טאג טעגליכע געלויף ווערט צושטערט אין א רעגען, אבער פון די אנדערע זייט איז דא די די גמרא אין מסכת תענית דף ז ע"א, וואס די גמרא ברענגט דארט ארויס ווי א מורא'דיגע פאזיטיוו רעגען איז, אינעם 'הוה' איז עס טאקע זייער שווער, אבער אז מ'הייבט זיך אביסל פונעם 'הוה', מ'הייבט זיך אביסל פונעם 'זיך', זעהט מען ווי די רעגען איז די חיות פון די גאנצע בריאה ממש.

די גמרא זאגט 'גדול יום הגשמים מתחיית המתים', 'גדול יום גשמים כיום שנתנה בו תורה', 'כיום שנברא בו שמים וארץ', 'כיום קיבוץ גליות', 'אפילו פרוטה שבכיס מתברכת', 'אפילו ישועה פרה ורבה בו'.

> **ס'רעגענט**
> **גאלד פון הימל און מ'כאפט נישט קיין התפעלות, מ'האט זיך צוגעוואוינט אז ס'קומט אזוי, מ'כאפט נישט אז די רעגען איז א 'נדבה' און א 'צדקה'**

רעגען איז די כללות השפע פון די גאנצע בריאה, אלעס איז נכלל אין רעגען, מ'קוקט אויף די רעגען מיט א בליק פון שפע, מ'זעהט נישט נאר וואסער, ס'רעגענט אלעס, ס'רעגענט ברויט, מילעכיגס, פליישיגס, אלע אלע השפעות איז אינעם רעגען. און נישט נאר דאס, נאר די גאנצע 'עקאנעמי' ווערט אויפגעהויבן פון רעגען, ווי די גמרא זאגט אז 'אפילו פרוטה שבכיס מתברכת בו', ווייל מ'קוקט נישט אויף די 'הוה' פונעם רעגען, מ'קוקט אויף וואס די רעגען וועט אלץ ברענגען ב'עתיד'.

א יוד שטייט און קוקט אויף די רעגען, ער באטראכט די רעגען מיט זיינע פליישיגע אויגען, ער פילט פאר א זכיה זיך צוצוקוקן ווי ס'גוסט זיך שפע, א שטערקערע רעגען זעהט ער ווי ס'גוסט זיך 'עמערס' פון שפע, א שוואכערע רעגען זעהט ער טיפות פון שפע, יעדער טראפ און טראפ, ער לויבט אויס יעדעס משהו, 'מודה אני לפניך על כל טיפה וטיפה שהורדת לנו', נאך א משהו שפע און נאך משהו, נאך א טראפ חיים און נאך א טראפ, כעין ווי די חז"ל זאגען 'על כל נשימה ונשימה תהלל קה', אזוי אויךביים רעגען 'על כל טיפה וטיפה'.

המשך בעמוד הבא

און א יוד מיט אביסל ברייטקייט, הייבט זיך אויף פון די קליינע טיפות, צו מליאנען בליאנען טראפן'ס, פון די פרטיות'דיגע טיפה פון חיים, הייבט מען זיך אויף צו די כלל החיות פון אלע נבראים ווי יעדער נברא באקומט זיינע טראפענס. מ'הייבט זיך צו 'השגת אלקות', אז אזוי ווי איך לעב אויף מיינע פאר טראפן'ס וואסער, אזוי לעבט אויך יעדער בעל חי מיט זיינע טראפן'ס, יעדעס נברא ונברא באקומט זיך זיינע פאר טראפן'ס וואס דאס איז זיין לעבן.

די ספרים זאגען אז די לשון 'גשם' איז מלשון 'גשמיות', ווייל אלע גשמיות איז תלוי אין רעגען, רעגען איז די שורש פון די גאנצע עולם הגשמי, אלעס איז רעגען. ווי ס'איז מבואר אין רבינו בחיי (דברים יא יז) אז רעגען הייסט 'גשם' און 'מטר', און 'גשם' איז די כלל הגשם פון עולם הזה, די כלל הגשם פון די מים התחתונים (ועי' עוד בערוך השלחן קיד ב במה שמחלק בין 'גשם' ל'מטר' והיא שונה מהרבינו בחיי) אויך דער מלבי"ם אין כמה מקומות זאגט אז 'גשם' איז די רעגען מער למטה, די רעגען וואס קומט באופן טבעי (לאפוקי מטר וואס איז מער בהשגחה פרטית באופן ניסי).

## עולם כמנהגו נוהג

עולם כמנהגו נוהג, ס'רעגענט גאלד פון הימל און מ'כאפט נישט קיין התפעלות, מ'האט זיך צוגעוואוינט אז ס'קומט אזוי, מ'כאפט נישט אז די רעגען איז א 'נדבה' און א 'צדקה' ווי די פסוק זאגט. נאר ווען ס'געשעט א 'עצירות גשמים' ח"ו דאן וועקט מען זיך אויף, און מ'פאנגט אהן מיט זעקות צעקות ותעניתים, אבער ווילאנג ס'פארט קוקט מען עס אהן אויטעמאטיש, כאילו דער אייבישטער האט איינגעשטעלט א ריזן 'ספרינקלער סיסטעם', ער האט אריינגעשטעלט א טבע ווען ס'זאל זיך אנצינדן די ספרינקלער כביכול, און עולם כמנהגו נוהג.

אמאליגע צייטן האט מען אודאי מער געשפירט ווי די וואסער איז מקושר מיט די רעגען, יעדער האט געהאט ביי זיך אין 'חצר' עטלעכע בורות רעגען וואסער, און אין יעדער שטאט איז געווען עטליכע גרויסע בורות, מ'איז געווען מחובר צום רעגען.

היינט באקומט מען וואסער פון די סינק, פון ווי ס'קומט אהן צום סינק דאס איז נישט מיין דאגה, אבער באמת קומט אלעס פון די צוזאמגעזאמלטע רעגען וואסער, נאר מ'פילט עס נישט ווייל אלעס איז אויף א גרויסע פארנעם, אנשטאט אפאר קליינע בורות לעבן שטאט, וואס יעדער גייט אליינס שעפן, מאכט מען א מעכטיגע גרויסע רעזעוואר, וואס קאלעקט פאר פילע שטעט צוזאמען, און דאס קומט אהן צו אונזערע סינקס.

און פון ווי האבן די ריזיגע רעזעווארן וואסער, זיי נעמען צוזאם רעגען וואסער פון אלע בערג ארום און ארום, בפרט פון די קעטסקעלס בערג, וואס איבראל איז פיל מיט טייכן וואס לויפן מיילן ווייט און ציען זיך ביז די גרויסע רעזעווארן. איז ווען די עפענסט אויף די סינק ביי דיר אינדערהיים, און ס'גיסט זיך וואסער, איז דאס די בעצם פינקט די זעלבע רעגען וואסער, וואס מ'פלעגט אמאל ארויס שעפן פון די בורות און נהרות.

ווען א מענטש איז דארשטעריג, איז א זמן צו צולייגען קאפ ווי די גאנצע בריאה דארשט, צו לייגען א אויער און הערן ווי אלעס גלוסט און לעכצט פאר א שלינג וואסער, ווי אהן וואסער ווערט אלעס פארטרינקט און פארוועלקט. די דצח"מ איז נאר קיים דורעך וואסער, די בלוט סייקל פונעם מענטש איז איין שטיק וואסער, אלעס אלעס איז וואסער, אויך א גרויסע חלק פון די באשטאנד טיילן פון יעדער זאך אויף די וועלט איז וואסער, די וואסער איז צווישן 50 און 90 פראצענט פון יעדעס גוף חי.

## יום גשמים כתחית המתים

די חז"ל זאגען אז א 'יום גשמים איז ווי תחית המתים', אז מ'לעבט עס מיט, מ'דערהערט ווי אהן די רעגענס וואלט זיך אלעס אפגעשטעלט, אלעס וואלט געווארן טויט אהן קיין שום תנועה, פארשטייט מען אז יעדעס מאל ס'רעגענט, איז עס א ענין פון 'תחיית המתים' כפשוטו. די וואסער גייט ארויף ביז אויוון צו די וואלקענעס, דערנאך גייט ער אראפ אראפ ביז די תהומות פון די ימים, און בשעת ער רעגענט און ער ציעט זיך און שלענגעלט זיך, פארט ער דורעך יעדעס נברא אויף די וועלט, אלעס ווערט באוואסערט אזוי אגב פון דעם וואס ער פארט פון אויוון ביז אונטן.

און דאס איז די פרישקייט וואס ס'איז דא אין רעגען, אויסער דעם וואס ער איז חיים, איז ער אויך פרישקייט, די וועלט ווערט נאכאמאל און נאכאמאל אויפגעפרישט, אלעס ווערט אויסגעוואשן (ירושלמי תענית פ"ג), יעדער טאג וואס רעגענט איז ווי 'בריאת שמים וארץ' (תענית דף ז), דאס הייסט אז די רעגען פרישט אויף די וועלט יעדעס מאל פון פריש, כאילו ווי די וועלט איז פון פריש באשאפן געווארן.

און מ'זעהט טאקע ווי נאך א רעגען קומען אלע ארויס צו קריכן כאפן אביסל חיים, די פיש פון וואסער שטעקן ארויס די קעפ צו כאפן א פרישע טראפ, די ווערימלעך קומען ארויס פאר פרישע וואסער, די פייגלעך מאכן זייערע קולות נאכן רעגען מיט א פרישקייט. די וועלט לעבט אויף פון פריש, א נייע וועלט מיט פרישע השפעות, ווי די חז"ל זאגען (תענית דף ז) 'אפילו ישועה פרה ורבה בו'.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 3424-763-52-972+